NHS

# HPV

## vaccination

באשיצן קעגן HPV צו העלפן רעדוצירן
אייער ריזיקע פאר קענסער



arm against cancer

# דער אוניווערסאלער HPV אימוניזאציע פראגראם

דער HPV וואקסין איז אנגעבאטן געווארן פאר אלע מיידלעך אין שולע יאר 8 זינט סעפטעמבער 2008. פון סעפטעמבער 2019 איז דער וואקסין אויך אנגעבאטן געווארן פאר יאר 8 יונגלעך.

דאס איז צוליב דעם וואס די באווייזן צייגן קלאר אז דער HPV וואקסין העלפט באשיצן סיי יונגלעך און סיי מיידלעך פון HPV-פארבינדענע קענסערס.

**איבער 280 מיליאן דאזעס פונעם HPV וואקסין זענען געגעבן געווארן איבער דער וועלט, אריינגערעכנט 120 מיליאן דאזעס אין אמעריקע און איבער 10 מיליאן אין די יו-קעי.**

## דער HPV וואקסין העלפט אייך צו באשיצן פון ווערן אנגעשטעקט דורך דער 'יומען פּאַפּילאָמעווייערוס' (HPV).

דער ווירוס העכערט די ריזיקע פון אנטוויקלען געוויסע סארטן קענסער אין די עלטערע יארן, ווי צ.ב.ש.:

- 'סערוויקעל' קענסער
- געוויסע מויל און האלז קענסערס
- געוויסע קענסערס פון דער אנוס און גניטאל ערטער

דער HPV וואקסין באשיצט נישט קעגן אנדערע סעקסועל-אריבערגעפירטע אינפעקציעס.



# HPV און וויאזוי עס פארשפרייט זיך

70%

**HPV אינפעקציע איז זייער מצוי.**
איבער 70% פון אומוואקסינירטע מענטשן וועלן עס באקומען

**HPV לעבט אויף די הויט און ארום דער גאנצער געניטאלער ארט**, דעריבער ווערט מען נישט גענצליך באשיצט קעגן HPV דורך ניצן קאָנדאָמס

עס זענען פאראן **פילע פארשידענע ערליי סארטן** פון HPV

רוב HPV אינפעקציעס פאראורזאכן נישט קיין שום סימפטאמען און **היילן זיך פון זיך אליין**

**געוויסע ווערן נישט אפגעג'פטר'ט** און קענען ברענגען קענסער, און ווידער אנדערע קענען פאראורזאכן געניטאלע ווארצלען

## וויאזוי האט דער HPV וואקסין אויסגעמאכט ביז אהער?

פופצן יאר זינט דער אנהייב פון דעם וואקסינאציע פראגראם אין די יו-קעי איז שוין געווען א גרויסע נידערונג אין HPV אינפעקציעס און אין די צאל יונגע מענטשן מיט געניטאלעווארצלען.

מען ערווארט אז מיט דער צייט וועט דער וואקסין ראטעווען הונדערטער לעבנס יעדעס יאר אין די יו-קעי.

**כדי אייך צו געבן די בעסטע באשיצונג, זאל דער וואקסין געגעבן ווערן איידער איר ווערט סעקסועל אקטיוו.**

**אויב איר זענט סעקסועל אקטיוו זאלט איר דאך באקומען דעם וואקסין.**



## באקומען דעם HPV וואקסין

דער וואקסין ווערט געגעבן אלס אן איינשפריץ אין אויבערשטן טייל פון ארעם.

רוב מענטשן דארפן האבן בלויז איין דאזע אויף צו זיין באשיצט. דאס ווערט געווענליך געגעבן בערך אין צייט ווען איר זענט אין שולע יאר 8.

## דער HPV וואקסין

דער HPV וואקסין וואס ווערט גענוצט אין דעם **NHS וואקסינאציע סקעדזשול** איז Gardasil 9 און באשיצט קעגן 9 פון די סארטן HPV וועלכע קענען פאראורזאכן קענסער און געניטאלע ווארצלען פאר רוב מענטשן מיט בלויז איין דאזע.

## איך האב פארפאסט מיין וואקסינאציע, צי קען איך עס נאך באקומען?

יא. אויב איר האט פארפאסט אייער וואקסינאציע אין שולע, זאלט איר עס פרובירן צו באקומען ווי פריער מעגליך.

פארבינדט אייך מיט אייער שולע נורס, שולע אימוניזאציע מאנשאפט אדער GP פראקטיק אויף צו באשטעלן א באזוך.

איר בלייבט ווייטער פאסיג אויף צו באקומען דעם וואקסין ביז אייער 25'סטן געבורטס-טאג.

## פרויען וועלכע האבן באקומען דעם וואקסין וועלן נאך אלץ דארפן גיין פאר סערוויקעל אונטערזוכונג



אלע פרויען אין עלטער פון 25 און העכער אין ענגלאנד ווערן אנגעבאטן סערוויקעל אונטערזוכונג טעסטס. דער HPV וואקסין וועט אפהאלטן ביז 90% פון סערוויקעל קענסער פעלער, אבער פרויען זאלן דאך גיין פאר סערוויקעל אונטערזוכונג וועט פארבעטן דאס צו טון.



## וואס איז מיט די אנדערע קענסערס?

עס זענען צו דער איצטיגער צייט נישט דא קיין אונטערזוכונג פראגראמען פאר אנדערע HPV-פארבינדענע קענסערס. אויב איר זענט באזארגט איבער סיי וועלכע סימפטאמען, רעדט זיך דורך מיט אייער GP.

## זייטיגע ווירקונגען

ווי מיט רוב אנדערע וואקסינאציעס, זענען די זייטיגע ווירקונגען פון דעם HPV וואקסינאציע גאנץ מילדע. צארטקייט, געשווילעכץ און רויטקייט אויפ'ן ארעם זענען מצוי, אבער זיי ווערן געהיילט ביז א פאר טעג. מער ערנסטע זייטיגע ווירקונגען זענען אויסערגעווענליך זעלטן.

דער וואקסין איז אריבער די שטרענגע זיכערהייט סטאנדארטן וואס ווערן גענוצט אין די יו-קעי און איז איבערצייגט געווארן אלס גאר א זיכערער וואקסין. מיליאנען דאזעס פונעם וואקסין זענען שוין געגעבן געווארן פאר יונגלעך און מיידלעך אין די יו-קעי און ארום דער וועלט. ווי מיט אלע וואקסינען, ווערן סיי וועלכע באריכטן פון זייטיגע ווירקונגען נאענט באאבאכטעט און איבערגעקוקט.

אויב איר שפירט סיי וועלכע פארדעכטיגטע זייטיגע ווירקונגען פונעם וואקסין, קענט איר זיי באריכטן אויף דעם Yellow Card וועבזייטל אדער דורך רופן **0800 731 6789** (9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג) אדער דורך דאָונלאָד'ען דעם Yellow Card עפּ.

**www.mhra.gov.uk/yellowcard**

# געדענקט

- אויף שוין איצט צו באקומען אייער HPV וואקסין, זיך צו באשיצן קעגן א צאל סארטן קענסער אינעם צוקונפט
- דער וואקסין ראטעוועט הונדערטער לעבנס יעדעס יאר אין די יו-קעי
- אפילו מיט באשיצונג פון דעם HPV וואקסין וועט איר נאך אלץ דארפן האבן געזונטהייט אונטערזוכונגען, ווי צ.ב.ש. אייער 'סערוויקעל סמיער' פון 25 יאר אלט

## פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.nhs.uk/hpv

א פולקאמע ליסטע פון באשטאנדטיילן פאר דעם Gardasil 9 וואקסין ווערט אנגעגעבן אינעם 'פאציענט אינפארמאציע בלעטל' (PIL):
www.medicines.org.uk/emc/product/7330/pil

די קיצור פון פראדוקט אייגנשאפטן (SPC):
www.medicines.org.uk/emc/product/7330/smpc/print

NHS

HPV ACTION .ORG

דאס בלעטל איז פראדוצירט געווארן דורך דער 'יו-קעי געזונטהייט זיכערקייט אגענטור'.
**אימוניזאציע, העלפנדיג באשיצן יעדן איינעם אין יעדן עלטער.**

דאס בלעטל קען מען באשטעלן אדער דאונלאד'ען פון: www.healthpublications.gov.uk,
דורך רופן: 0300 123 1002 (ליניעס זענען אפן פון 8 אינדערפרי ביז 6 אוונט, מאנטאג ביז פרייטאג).
דאס בלעטל איז אויך צו באקומען אין די פאלגנדע שפראכן: אלבאניש, אראביש, בענגאַליש, בראזיליאנער פארטוגעזיש, בולגאריש, כינעזיש, שפאניש, עסטאניש, פארסי, פידזשי, גריכיש, גודזשאראטי, הינדי, קורדיש, לאטוויש, ליטוויש, נעפאליש, פאנדזשאבי, פאשטא, פויליש, ראמאני, רומעניש, רוסיש, סאמאליש, טאגאלאג, טערקיש, טווי, טיגריניע, אוקראיניש, אורדו, אידיש און יוראבא

© Crown Copyright 2023. Product code: HPVU1L-YI. 3P 850K MAY 2023 (APS)
UK Health Security Agency gateway number 2023-049 Yiddish